בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

# גִּלְיוֹן שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ
אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון צ"א

פרשת שמות
שנת תשפ"ה

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ
פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ דֶעם צְוֵייטְן חֵלֶק פוּן אַ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, פַּרְשַׁת וַיֵּרָא שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן.**

### נִישְׁט דֶערְצֵיילְן פַאר קִינְדֶער נַארִישְׁקֵייטְן

טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים, לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער 'אֱמוּנָה', רֶעדְט נִישְׁט צוּ דִי קִינְדֶער קַיין נַארִישְׁקֵייטְן.

עֶס זֶענֶען דָא מְלַמְּדִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט וָואס צוּ פַארְקוֹיפְן פַאר דִי קִינְדֶער, רֶעדְן זֵיי שְׁטוּתִים, הוֹידְל בּוֹידְל. וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קִינְד הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ מְלַמֵּד וָואס הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן 'שְׁלֹשָׁה אַחִים', דִי מַעֲשֶׂה אִיז נִישְׁט גֶעשְׁטוֹיגְן אוּן נִישְׁט גֶעפְלוֹיגְן, אִיךְ גֶעדֶענְק נִישְׁט פִּינְקְטְלִיךְ דִי מַעֲשֶׂה, אָבֶּער אַבִּיסְל גֶעדֶענְק אִיךְ אַז עֶס רֶעדְט זִיךְ פוּן דְרֵיי בְּרִידֶער וָואס זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִין וַואלְד, דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַ הֵייל מִיט עֶקְדִיסְן מִיט בְּרֶענֶענְדִיגֶע שְׁלֶענְג, עֶס רֶעדְט זִיךְ אוֹיךְ פוּן קֶבֶר דָוִד הַמֶּלֶךְ, אוּן אִינְמִיטְן דִי מַעֲשֶׂה דֶערְצֵיילְט מֶען 'אוֹיבּ מֶען קוּקְט אוֹיף דִי לְבָנָה קֶען מֶען אָנְהֵייבְּן קְרִיכְן אוֹיף דִי לְבָנָה'...

דִי מַעֲשֶׂה הָאט מִיר אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין אַזַא שְׁרֶעק, אִיךְ פְלֶעג וֵויינֶען בַּיינַאכְט אִין בֶּעט פוּן פַּחַד, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר מַיין מַאמֶע: **"מַאמִי מַאךְ צוּ דִי פָארְהַאנְג, וַוייל דִי לְבָנָה קוּקְט אוֹיף מִיר אוּן אִיךְ קוּק אוֹיף דִי לְבָנָה..."** אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְשְׁלָאפְן אִין מַיין בֶּעט, אִיךְ הָאבּ גֶעמוּזְט שְׁלָאפְן אוֹיף אַ מַאטְרַאץ נֶעבְּן מַיין מַאמֶעס בֶּעט אוֹיף דֶער עֶרְד. דִי מַעֲשֶׂה שְׁטֵייט בַּאשְׁרִיבְּן אִין אַ דִיקֶע בּוּךְ, דִי מַעֲשֶׂה הָאט אַ מֶענְטְשׁ גֶעבַּאקְן...

הַיינְט זֶענֶען אוֹיךְ דָא גֶעבַּאקֶענֶע מַעֲשִׂיוֹת, נָאר הַיינְט מַאכְט מֶען דִי מַעֲשִׂיוֹת מִיט גוֹיִ'אִישֶׁע נֶעמֶען, אַז 'דְזְשֶׁעק הָאט גֶעזָאגְט פַאר דְזְשַׁאנִי', דֶעמָאלְט אִיז עֶס גֶעוֶוען מִיט אִידִישֶׁע נֶעמֶען.

### דֶערְצֵייל פַאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִּיקִים

דוּ הָאסְט נִישְׁט וָואס צוּ רֶעדְן צוּ קִינְדֶער?! נֶעם דֶער 'גִּלְיוֹן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ', נֶעם דֶער 'שְׁטֶעטְל בְּלֶעטְל', נֶעם אַ 'שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ', אוּן צֵייכְן זִיךְ אָן מַעֲשִׂיוֹת וָואס דוּ גֵייסְט דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער.

דֶערְצֵייל פַאר דִי קִינְדֶער דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן צוּ אַלְטֶע עֶלְטֶערְן, זַיין פָאטֶער רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר אִיז אַלְט גֶעוֶוען הוּנְדֶערְט יָאר אוּן זַיין מַאמֶע שָׂרָה אִיז שׁוֹין אוֹיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר אַלְט; זַיין מַאמֶע אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן גְלַייךְ וֶוען זִי הָאט גֶעבּוֹירְן דֶעם הֵיילִיג קִינְד יִשְׂרָאלִיק, שְׁפֶּעטֶער וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אַלְט גֶעוֶוען פִינְף יָאר הָאט אִים זַיין טַאטֶע גֶערוּפְן צוּ זִיךְ אוּן אִים גֶעזָאגְט בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: **"יִשְׂרָאלִיק! אִיךְ גֵיי יֶעצְט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, כְּדֶרֶךְ כָּל הָאָרֶץ, גֶעדֶענְק אָבֶּער אַז דוּ בִּיסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר - זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם"**, אוּן מִיט דִי וֶוערְטֶער אִיז עֶר נִפְטָר גֶעוָוארְן. דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסְן אֵיינֶער אַלֵיין אִין אַ גְרוֹיסֶע וֶועלְט, אָבֶּער עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקְט זַיין טַאטֶע'ס לֶעצְטֶע וֶוערְטֶער: **"גֶעדֶענְק, דוּ בִּיסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר - זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם"**; מִיט דִי וֶוערְטֶער הָאט עֶר גֶעלֶעבְּט אוּן הָאט דָאס אוֹיסְגֶעפִירְט לְמַעֲשֶׂה, וָואס עֶר הָאט נָאר גֶעדַארְפְט הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## נָאוֶועל מַעֲשִׂיוֹת

דֶערְצֵייל פַאר דִי קִינְדֶער דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ הָאט אַמָאל גֶעזֶען וִוי זַיין אֵיינִיקְל שְׁלָאגְט דִי מַאמֶע, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן: **"אַ מַאמֶע שְׁלָאגְט מֶען?! אַ מַאמֶע שְׁלָאגְט מֶען?!"** הָאט אִים דִי בַּאבֶּע גֶעזָאגְט: **"וָואס הֵייסְט? דוּ הָאסְט מִיךְ דָאךְ אוֹיךְ גֶעשְׁלָאגְן וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד!"** אִיז עֶר גֶעלָאפְן צוּם פֵייעֶר, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט זַיינֶע הֶענְט אִינֶעם פֵייעֶר אוּן עֶס הָאט זִיךְ פַארְבְּרֶענְט. זָאג נִישְׁט פַאר דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן עֶס נָאכְטוּן, אָבֶּער דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִּיקִים, דָאס אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר קִינְדֶער. קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט קַיין קְנֶעכְט פוּנֶעם מְלַמֵּד

זֶע אַז עֶס זָאל זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער אִין כִּתָּה, אֲפִילוּ עֶס דַארְף זַיין 'דֶרֶךְ אֶרֶץ' מֵיינְט עֶס נִישְׁט אַז דִי קִינְדֶער זֶענֶען מַיינֶע קְנֶעכְט, קְנֶעכְט זֶענֶען מִיר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי מֶען זָאגְט בַּיים דַאוֶוענֶען (תְּפִלַּת בְּרִיךְ שְׁמֵיהּ): **"אֲנָא עַבְדָּא דְקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא"**, אִיךְ בִּין אַ קְנֶעכְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ אִיךְ בִּין יֶעצְט אוֹיפְן טְרָאן (כִּסֵּא מְלוּכָה) אִיךְ זִיץ יֶעצְט אוֹיבְן אָן, קֶען אִיךְ נִישְׁט טוּן מִיט דִי קִינְדֶער וָואס אִיךְ וִויל אוּן זִיךְ פִילְן גוּט. אִיךְ וֶועל אָנְכַאפְּן אַ בֵּיישְׁפִּיל, אַז אַ מְלַמֵּד זָאגְט: **"מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין אִין בֵּית הַכִּסֵּא אִינְמִיטְן כִּתָּה"**, אוּן עֶס מַאכְט זִיךְ אַ אִינְגְל בֶּעט צוּ גֵיין אִין בֵּית הַכִּסֵּא, דַארְף מֶען צוּלֵייגְן הַארְץ 'אֶפְשָׁר דַארְף דֶער קִינְד טַאקֶע אִין בֵּית הַכִּסֵּא', פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אַ כִּתָּה קֶען נִישְׁט וֶוערְן צֶעפָארְן יֶעדֶער זָאל קוּמֶען אוּן גֵיין אִינְמִיטְן לֶערְנֶען, אָבֶּער עֶס מוּז זַיין הַארְץ צוּ דִי קִינְדֶער, מֶען קֶען נִישְׁט פַארְלַאנְגֶען אַז אַלֶעס וָואס אִיךְ זָאג מוּז

יעדער אויסצופּאַלגן און קיין אויסנאַם.

### מען קען נישט פּאַטשן יעדן טאָג

מען דאַרף זיין שטרענג מיט דעם אַז קינדער קענען נישט רעדן אין כּתּה, מען דאַרף אָבער וויסן אַז מען קען נישט אַ גאַנצן טאָג זאָגן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל פאַר די קינדער: **"מען טאָר נישט רעדן ווען דער רבי רעדט"**; מען קען נישט אַ גאַנצן טאָג פּאַרהאַלטן קינדער.

לעת עתּה בין איך דער מנהל אין ווילליאַמסבורג, זייט דער מנהל האָט זיך אַרויסגעצויגן אין שטעטל, און די מלמדים שיקן צו מיר קינדער וואָס מען דאַרף זיי פּאַרהאַלטן וכו', ווען איך זע ווי אַ מלמד שיקט צופיל מאָל קינדער קלינגען דער בעל (גלאָק) ביי מיין אָפיס, קלינג איך זיי נישט צוריק, ווייל וויפיל מאָל קען איך זאָגן פאַר קינדער: **"זאָל איך רופן דיין טאַטע?"** אַוודאי קען מען אַמאָל רופן אַ מנהל צו געבן אַ פּאַטש ווען אַ קינד איז נישט דרך ארץ'דיג, אָבער דאָס קען זיין איין מאָל אין צוויי דריי חדשים, מען קען נישט מער פון דעם; מען קען נישט פּאַטשן און פּאַטשן יעדן טאָג.

### פאַר אַ קינד דאַרף מען איבערזאָגן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל

אַ מלמד האָט צוויי ברירות ווי אַזוי צו פירן זיין כּתּה, אָדער קען ער אַ גאַנצן טאָג פּאַרהאַלטן די קינדער: **"איך האָב ענק שוין אַזויפיל מאָל געזאָגט ווען די בעל קלינגט מוז יעדער זיין אויפ'ן פּלאַץ!"** אָדער קען ער אויפלעבן די קינדער, כּסדר חזר'ן: **"ברוך השם עס זענען גוטע קינדער, מחיה'דיגע קינדער"**.

וואָס ביסטו אַזוי ברוגז אַז דו דאַרפסט איבער זאָגן אַ זאַך נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל? עס איז דאָך קינדער, אַזוי זענען קינדער! ביי מיר אינדערהיים דאַרף איך אויך יעדע נאַכט איבער זאָגן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל די זעלבע פּאָר ווערטער: **"מען מוז אַריינגיין אין בעט"**, עס איז גאָרנישט אַז מען דאַרף עס איבער זאָגן אַזויפיל מאָל, ווייל עס איז קינדער.

### אַריינלייגן אין די קינדער יראת שמים

לייגט אַריין אין די קינדער יראת שמים, לייגט אַריין אין די קינדער אַז עס איז דאָ אַ באַשעפער אויף דער וועלט, זינגט מיט זיי ניגונים פונעם אייבערשטן, און דערציילט פאַר די קינדער נאָר 'מעשיות פון צדיקים', נישט קיין נאָוועל מעשיות. איך לאָז נישט דערציילן אין חדר און אין שולע נאָוועל מעשיות, איך נעם זיך דאָס אויס מיט יעדן וואָס קומט אַרבעטן אין אונזער מוסד.

עס איז דאָך אידישע קינדערלעך, מיינע קינדערלעך, איך בין נישט געקומען דאָ פאַר פּרנסה, צו באַקומען טיפּס, כּבוד, אָדער צו פירן אַ מלוכה; 'איך' בין גאָרנישט - דער אייבערשטער איז דאָ!

### די מלמדים זאָלן זיך מחזק זיין צוזאַמען

עס איז כּדאי די מלמדים זאָלן מאַכן 'שיחות חברים' צווישן זיך, די מלמדים פון איבעראַל, פון שטעטל, ווילליאַמסבורג, קרית יואל, טבריה און ירושלים זאָלן זיך איבער געבן איינער דעם אַנדערן חיזוק און עצות אין חינוך.

### איינגעמען אַלע מלמדים

ברוך השם היינט זענען שוין דאָ מלמדים אין אַלע מוסדות וואָס הערן זיך צו צו די חיזוק פון הייליגן רבי'ן. דאָס איז דאָך אונזער ציל, אַז אַלע מלמדים זאָלן מחנך זיין די קינדער דעם רבי'נס דיבורים, און אַזוי וועלן מיר קענען ברענגען די גאולה. די קומענדיגע דור וועט אויפוואַקסן מיט אַ שטאַרקע אמונה אַז עס איז דאָ אַ באַשעפער אויף דער וועלט, און קיינער וועט שוין גאָרנישט דאַרפן קיין הילף, ווייל אַז מען לעבט מיט דעם אַז עס איז דאָ אַ באַשעפער אויף דער וועלט און דער אייבערשטער היט מיך, איז מען באַפרייט פון אַלע פּחדים און ענקזייעטי.

איך וועל דאָ ענדיגן דעם שיעור, ווייל איך ווייס אַז מען געבט ענק צו הערן דעם שיעור ביי הפסקה, איך וויל ענק נישט אויפהאַלטן צו לאַנג און אַוועקנעמען פון ענקער צייט.

טייערע מלמדים, איך האָב ענק זייער ליב; דער אייבערשטער זאָל העלפן, עטץ זאָלטס האָבן הצלחה און סייעתּא דשמיא, אָמן.

•••

## ליב האָבן די אַרבעט

### מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף ברענגען מיר אייך דעם ערשטן חלק פון אַ שיעור וואָס דער ראש ישיבה שליט"א האָט געגעבן פאַר מחנכים, פּרשת בראשית שנת תשפ"ד לפרט קטן, אין ווילליאַמסבורג יע"א

### מלומדות איז די הייליגסטע אַרבעט!

געלויבט דער אייבערשטער אַז מיר קענען אַוועקגעבן אונזער כּח און צייט פאַר גוטע זאַכן.

צו זיין אַ מלמד, אַ מחנך און אַרבעט וואָס האָט מיט קינדער, סיי ביי די אינגלעך און סיי ביי די מיידלעך, איז די העכסטע זאַך, די הייליגסטע זאַך, עס איז נישטאָ אין דער וועלט אַ זאַך וואָס איז מער הייליגער פון דעם!

ליידער אין די וועלט איז איינער וואָס אַרבעט מיט קינדער אַ 'נעבעך'. ווער אַרבעט מיט קינדער? איינער וואָס האָט שוין פּרובירט אַלע סאָרט ביזנעס און עס איז אים נישט געגאַנגען, דער ווערט אַ מלמד, אָדער אַ ווייבל וואָס דער מאַן ברענגט נישט אַהיים קיין ברויט צום טיש, שלעפּט זי זיך אַרויס צו זיצן אין שולע מיט קינדער, אָבער ביים הייליגן רבי'ן איז אַנדערש; מוהר"ש זכרונו לברכה האָט געשריבן אַסאַך ספרים און קונטרסים איבער דאָס גרויסקייט פון זיין אַ מלמד און אַ מחנך סיי ביי אינגלעך און סיי ביי מיידלעך, אַז עס איז נישטאָ קיין הייליגערע זאַך פון דעם.

טייערע טייערע מחנכים; איך געב דעם שיעור אין ווילליאַמסבורג אָבער דער שיעור גייט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף אַרויסגיין אויפן האָטליין 'קול ברסלב', אַז אַלע מלמדים און לערערינס פון אונזער מוסד זאָלן דאָס אויסהערן. געלויבט דער אייבערשטער אַז מיר האָבן שוין אַ חדר אין ווילליאַמסבורג, אין קרית יואל, אין שטעטל, אין ירושלים, אין בני ברק און אין טבריה, און אַ 'בית פיגא' שולע אין ווילליאַמסבורג, אין קרית יואל, אין שטעטל, אין ירושלים, און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף גייען מיר יעצט עפענען אַ 'בית פיגא' אין טבריה. זאָלט עטץ וויסן אַז דאָס איז אַ מורא'דיגע זכיה, אַז אונזער צייט, מח און כּח גייט אַוועק פאַר אַזאַ הייליגע אַרבעט.

### יעדע וואָך וועט מען רעדן פון נאָך אַ נקודה

איך האָף מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף ענק צו געבן איין מאָל אַ וואָך אַ שמועס מיט עצות און חיזוק, יעדע וואָך וועלן מיר רעדן פון שיינע נקודות, און די אַלע זאַכן וואָס מיר רעדן פאַרלאַנג איך פון אַלע וואָס זענען מלמדים און לערערינס ביי אונז אין מוסד.

### ווער קען אַרבעטן ביי אונז אין מוסד?

דער נקודה וואָס מיר גייען רעדן די וואָך איז: מען קען נאָר אַרבעטן מיט קינדער אויב מען האָט ליב די סאָרט אַרבעט!

אין סיי וועלכע אַרבעט וואָס אַ מענטש אַרבעט, צי איז עס אין אַ אָפיס אָדער אין אַ ווערהאַוז, פעלט נישט אויס דער מענטש זאָל ליב האָבן זיין אַרבעט, מען קען אַרבעטן אויף

## הֶמְשֵׁךְ שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

אַ פְּלַאץ אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט לִיבּ דִי סָארְט אַרְבֶּעט. אַזוֹי וִוי מֶען קֶען הֶערְן מֶענְטְשְׁן שְׁמוּעֶסְן צְווִישְׁן זִיךְ: **"אִיךְ הָאבּ נִישְׁט לִיבּ מַיין דְזְשַׁאבּ", "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט לִיבּ מַיין בַּעַל הַבַּיִת", "אִיךְ הָאבּ פַיינְט מַיין אַרְבֶּעט"**. עֶס אִיז נִישְׁט מְשַׁנֶה, צִי אִיךְ הָאבּ יָא לִיבּ מַיין דְזְשַׁאבּ אָדֶער נִישְׁט לִיבּ מַיין דְזְשַׁאבּ, דֶער עִיקָר אִיז אַז אִיךְ גֵיי אַרְבֶּעטְן וַוייל אִיךְ דַארְף אַהֵיים בְּרֶענְגֶען פֶּעירָאל (גֶעהַאלְט), אִיךְ דַארְף אַרָאפְּלֵייגְן אִינְדֶערְהֵיים בְּרוֹיט אוֹיפְן טִישׁ.

קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט אַרְבֶּעטְן, קֵיינֶער זוּכְט נִישְׁט צוּ אַרְבֶּעטְן, אַ טָאג וָואס אִיז דָא אַ חָאגֶע, פְרֵייעֶן זִיךְ אַלֶע אַז מֶען קֶען בְּלַייבְּן אִין בֶּעט, מֶען דַארְף נִישְׁט גֵיין אַרְבֶּעטְן, אוֹיךְ וֶוען עֶס שְׁנֵייט אִינְדְרוֹיסְן פְרֵייעֶן זִיךְ דִי קִינְדֶער אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין חֵדֶר, אוּן אוֹיךְ דִי אַרְבֶּעטֶער אַז הַיינְט דַארְף מֶען נִישְׁט גֵיין אַרְבֶּעטְן וַוייל דִי שְׁטָאט אִיז אָפְּגֶעשְׁפַּארְט.

דָאס אַלֶעס אִיז בַּיי וֶועלְטְלִיכֶע אַרְבֶּעט, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ אַרְבֶּעטְן מִיט אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת, מִיט טַייעֶרֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, טָאר נִישְׁט זַיין אַזוֹי, מֶען דַארְף לִיבּ הָאבְּן דִי אַרְבֶּעט, נָאר מִיט דֶעם תְּנַאי קֶען מֶען אָנְנֶעמֶען דֶעם אַרְבֶּעט, אִין אַמֶערִיקֶע רוּפְט מֶען עֶס: **"אִיךְ לָאוְו (הָאבּ לִיבּ) מַיין אַרְבֶּעט"**. אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט לִיבּ צוּ אַרְבֶּעטְן מִיט קִינְדֶער קֶען עֶס זַיין אַ סַכָּנָה פַאר דִי קִינְדֶער, וַוייל אַז מֶען אִיז נִישְׁט אִין אַ גוּטֶע גוּסְטֶע, קֶען מֶען מִיטְן מוֹיל גֶעבְּן אַ שְׁטֶעךְ פַאר אַ קִינְד אוּן דֶער לָאךְ בְּלַייבְּט שׁוֹין אִינֶעם קִינְדְ'ס הַארְץ פַארְן גַאנְצְן לֶעבְּן.

מֵילָא אַז מֶען פַארְשֶׁעמְט אַן עֶרְוַואקְסֶענֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט עֶר שׁוֹין אַז עֶס גֶעשֶׁעט גָארְנִישְׁט וֶוען אֵיינֶער זָאגְט מִיךְ עֶפֶּעס, אָבֶּער קִינְדֶער זֶענֶען אַנְדֶערְשׁ, אַ קִינְד קוּקְט אַרוֹיף אוֹיף זַיין מְלַמֵד אוּן אוֹיבּ עֶר שְׁפִּירְט אַז 'מַיין רֶבִּי הָאט מִיךְ נִישְׁט לִיבּ', אָדֶער עֶר הֶערְט פוּן זַיין מְלַמֵד אַז עֶר גֵייט פְלַאקֶערְן אִין גֵיהִנוֹם, אֲפִילוּ דֶער מְלַמֵד הָאט עֶס נִישְׁט גֶעזָאגְט נָאר עֶר הָאט אַזוֹי פַארְשְׁטַאנֶען פוּן זַיינֶע וֶוערְטֶער, וֶועט דָאס אִים חַס וְשָׁלוֹם שֶׁעדִיגְן פַארְן לֶעבְּן.

### דֶער רֶבִּי בַּאצָאלְט אַ גוּטֶע פְּרַייז!

וּבְכֵן בֶּעט אִיךְ עֶנְק טַייעֶרֶע מְלַמְדִים אוּן מְחַנְכִים סַיי פוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן סַיי פוּן בֵּית פֵיגָא, מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן צִי עֶטְץ 'ווִילְטְס' דֶעם אַרְבֶּעט; מֶען צָאלְט עֶנְק נִישְׁט קַיין סַאךְ גֶעלְט, אָבֶּער עֶטְץ וֶוערְטְס בַּאצָאלְט גָאר אַסַאךְ וַוייל אַז מֶען אַרְבֶּעט פַארְן רֶבִּי'ן, מֶען אִיז מְשַׁמֵשׁ דֶעם רֶבִּי'ן, בַּאצָאלְט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר אַסַאךְ.

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ מָאל וָואס מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן מִיר: **"אִיךְ הֶער זָאגְן אַז דוּ אַרְבֶּעטְסְט אִין יְשִׁיבָה אוּמְזִיסְט?"** אִיךְ עֶנְטְפֶער צוּרִיק: **"וָואס? אִיךְ אַרְבֶּעט אוּמְזִיסְט? דוּ קֶענְסְט מִיךְ פַאר אַזַא נַאר אִיךְ זָאל אַרְבֶּעטְן אוּמְזִיסְט?!"** פְרֶעגְט מֶען מִיר צוּרִיק: "וָואס הֵייסְט? דִי בָּחוּרִים פוּן יְשִׁיבָה זָאגְן מִיר, שׁוֹין זֶעכְצְן יָאר - זַייט דִי יְשִׁיבָה שְׁטֵייט, הָאט דֶער רֹאשׁ

### לִיבּ הָאבְּן דִי אַרְבֶּעט

יְשִׁיבָה נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין גֶעהַאלְט, זָאג אִיךְ: **"אִיךְ וֶועך נִישְׁט בַּאצָאלְט? אַוַודַאי וֶוער אִיךְ בַּאצָאלְט!"** פְרֶעגְט מֶען מִיר: **"וִויפִיל בַּאצָאלְט מֶען?"** זָאג אִיךְ: **"אִין נוּמֶערְן קֶען מֶען מִיר נִישְׁט בַּאצָאלְן, דִי אָפִיס גֶעבְּט מִיר נִישְׁט קַיין עֶנְוֶועלָאפּ (קָאנְוֶוערְט) מִיט גֶעלְט, פַארְוָואס? וַוייל מֶען קֶען מִיר נִישְׁט בַּאצָאלְן, וִויפִיל גֶעלְט זָאל מֶען מִיר בַּאצָאלְן? אַז מֶען וֶועט מִיר גֶעבְּן אַ טְשֶׁעק פוּן טוֹיזְנְט דָאלֶער אָדֶער צְוֵויי טוֹיזְנְט דָאלֶער, מַאכְט מֶען חוֹזֶק פוּן מִיר... אִיךְ אַרְבֶּעט פַאר דִי גְרוֹיסֶע נוּמֶערְן, דֶער רֶבִּי צָאלְט צוּרִיק אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף, נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן שֵׂכֶל וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן"**.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ זָאג אִיךְ עֶנְק, אַלֶע מְלַמְדִים אוּן אַלֶע מְחַנְכִים פוּן דִי מוֹסָד בַּאקוּמֶען גֶעהַאלְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט קַיין גֶעהַאלְט וָואס מֶען קֶען מִיט דֶעם לֶעבְּן, עֶס אִיז נִיטְאַמָאל גֶענוּג זִיךְ צוּ קֶענֶען קוֹיפְן עֶסְן אוֹיף מִיטָאג, עֶס אִיז שְׁוַואכֶע גֶעלְט, שְׁוַואךְ בַּאצָאלְט, אָבֶּער דֶער רֶבִּי בַּאצָאלְט, אַז מֶען אִיז מְשַׁמֵשׁ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מֶען הֶעלְפְט אַרוֹיס מִיט אַ שִׂמְחָה וָואס עֶס פֶעלְט אוֹיס אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע, וֶוערְט מֶען בַּאצָאלְט מִיט גְרוֹיסֶע זַאכְן.

הֶמְשֵׁךְ פוּנֶעם שִׁיעוּר וֶועט קוּמֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ

## בִּרְיוֹן פוּן חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אַז מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַ בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט אִיבֶּער נִישְׁט שְׁלָאגְן קִינְדֶער, אָבֶּער פוּן צְוֵוייטֶע זַייט זֶעט מֶען אִין דִי גְמָרָא (בְּכוֹרוֹת מ"ו.) אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מְלַמֵד וָואס פְלֶעגְט שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער גָאר שְׁטַארְק, בִּיז צוּם טוֹיט, אוּן דֶערְפַאר הָאט אִים רַב אַחָא אַוֶועקְגֶענוּמֶען דִי מְלַמְדוּת, אָבֶּער רַבִינָא הָאט אִים צוּרִיק גֶעשְׁטֶעלְט וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַ צְוֵוייטֶער מְלַמֵד וָואס זָאל אַזוֹי גוּט לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער. דָאס הֵייסְט אַז אֲפִילוּ עֶר הָאט מַמָשׁ גֶעְרַצְחְ'ט דִי קִינְדֶער, הָאט מֶען אִים גֶעלָאזְט דָארְטְן זַיין מְלַמֵד, וַוייל עֶר הָאט גוּט גֶעלֶערְנְט מִיט זֵיי. אוּן אִין רַמְבַּ"ם אוּן אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ וֶוערְט אוֹיךְ גֶעפַּסְקְ'נְט אַז מֶען מֶעג שְׁלָאגְן אַ תַּלְמִיד, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק וִוי דִי מַעֲשֶׂה אִין דִי גְמָרָא.

קֶען מֶען דֶען אוֹיסְרַייסְן אַן הֲלָכָה אוּן זָאגְן אַז מֶען טָאר אִינְגַאנְצְן נִישְׁט שְׁלָאגְן אַ קִינְד אָדֶער אַ תַּלְמִיד וָואס פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין?

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל זֶען אַסַאךְ נַחַת פוּן אַלֶע תַּלְמִידִים אוּן פוּן דִי גְרוֹיסֶע שְׁוֶוערֶע הֵיילִיגֶע עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיַקְהֵל-פְּקוּדֵי - הַחוֹדֶשׁ, מְבָרְכִים נִיסָן, כ"ח אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ פְרֶעגְסְט זֵייעֶר גוּט, וִוי קֶען מֶען זָאגְן 'נִישְׁט שְׁלָאגְן קִינְדֶער' וֶוען שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יג, כד): "חוֹשֵׂךְ שִׁבְטוֹ", דֶער וָואס נֶעמְט אַוֶועק דֶעם שְׁטֶעקְן פוּן זַיין זוּן, "שׂוֹנֵא בְנוֹ", דֶער הָאט פַיינְט זַיין זוּן, "וְאֹהֲבוֹ", אוּן דֶער וָואס לִיבְּט זַיין זוּן,

"שִׁחֲרוֹ מוּסָר", גֶעבְּט אִים שְׁטֶענְדִיג מוּסָר; פְרֶעגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (יַלְקוּט מִשְׁלֵי, רֶמֶז תתקנ; מִדְרָשׁ מִשְׁלֵי, יג): אִיז דֶען דָא אַ טַאטֶע וָואס זָאל פַּיינְט הָאבְּן זַיין קִינְד? "אֶלָּא מִתּוֹךְ שֶׁאֵין מוֹכִיחוֹ עַל הַתּוֹרָה וְהַחָכְמָה וְדֶרֶךְ אֶרֶץ, עָתִיד לִשְׂנֹאתוֹ", נָאר אַז מֶען מוּסָר'ט נִישְׁט דָאס קִינְד וֶועט עֶר נִישְׁט לֶערְנֶען, נִישְׁט דַאוֶוענֶען אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין גוּטֶע מִידוֹת, וֶועט עֶר אִים בַּיים סוֹף פַּיינְט הָאבְּן, "אֲבָל אִם מוֹכִיחוֹ", אָבֶּער דֶער טַאטֶע וָואס מוּסָר'ט יָא, "נַעֲשֶׂה אֹהֲבוֹ", וֶועט בַּיים סוֹף לִיבּ הָאבְּן זַיינֶע קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט: "וְאֹהֲבוֹ שִׁחֲרוֹ מוּסָר"; אִיז דָאךְ גֶעדְרִינְגֶען אַז מֶען דַארְף יָא לִכְאוֹרָה שְׁלָאגְן קִינְדֶער!

דִי קַשְׁיָא הָאט מֶען אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן; עֶס שְׁטֵייט דָאךְ קְלָאר (מִשְׁלֵי יג, כד): "חוֹשֵׂךְ שִׁבְטוֹ", דֶער וָואס נֶעמְט אַוֶועק זַיין שְׁטֶעקְן, "שׂוֹנֵא בְנוֹ", וֶועט פַּיינְט הָאבְּן זַיין זוּן, וַוייל אַז עֶר שְׁטְרָאפְט אִים נִישְׁט – וֶועט עֶר אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה! הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט אִין פָּסוּק 'מֶען זָאל שְׁלָאגְן', עֶס שְׁטֵייט 'מֶען זָאל הָאבְּן אַ שְׁטֶעקְן'; מֶען זָאל וַוייזְן דֶעם שְׁטֶעקְן פַאר'ן קִינְד וֶועט עֶר שׁוֹין פוּן דֶעם זִיךְ טוּישְׁן צוּם גוּטְ'ן, מֶען דַארְף נִישְׁט דֶעם שְׁטֶעקְן צוּ שְׁלָאגְן, עֶס אִיז גֶענוּג דָאס וַוייזְן עֶר זָאל מוֹרָא הָאבְּן אוּן גֵיין אוֹיפְ'ן גוּטְ'ן וֶועג".

חַס וְשָׁלוֹם צוּ זָאגְן אַז מֶען רַייסְט אוֹיס אַן הֲלָכָה; אַדְרַבָּה, נֶעם דִי מִי אוּן קוּק וִוי אַזוֹי מֶען פַּסְקְ'נְט, עֶס אִיז אַן הֲלָכָה מְפוֹרֶשֶׁת (שֻׁלְחָן עָרוּךְ הָרַב יוֹרֶה דֵעָה, הִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה פֶּרֶק א, סְעִיף יג): "תִּינוֹק שֶׁאֵינוֹ רוֹצֶה לִקְרוֹת", אַ קִינְד וָואס וִויל נִישְׁט לֶערְנֶען, "לֹא יַכֶּה אוֹתוֹ הַמְלַמֵּד מַכַּת אַכְזָרִי", זָאל דֶער מְלַמֵּד אִים נִישְׁט שְׁלָאגְן מֶערְדֶערְלִיכֶע קְלֶעפּ, "לְפִיכָךְ לֹא יַכֵּהוּ בְּשׁוֹטִים וְלֹא בְּמַקֵּל", דֶערִיבֶּער טָאר אַ מְלַמֵּד נִישְׁט שְׁלָאגְן מִיט קַיין שְׁטֶעקְן, "אֶלָּא בִּרְצוּעָה קְטַנָּה", נָאר מִיט אַ קְלֵיינֶע שִׁיךְ בֶּענְדְל, "אִם קוֹרֵא, קוֹרֵא", אוֹיבּ וֶועט עֶר לֶערְנֶען וֶועט עֶר לֶערְנֶען, "וְאִם אֵינוֹ קוֹרֵא בְּהַכָּאָה זוֹ", אוּן אוֹיבּ וֶועט עֶר נָאכְאַלְץ נִישְׁט וֶועלְן לֶערְנֶען, "יִהְיֶה יוֹשֵׁב כָּךְ עִם חֲבֵרָיו, לִהְיוֹת לָהֶם לְחֶבְרָה", זָאל עֶר אִים לָאזְן זִיצְן מִיט דִי חֲבֵרִים, "וְסוֹפוֹ אֶפְשָׁר יִתֵּן לִבּוֹ", אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶועט עֶר זִיךְ אֶפְשָׁר מִיטְכַאפְּן מִיט זֵיי.

אִיז דָאךְ קְלָאר דִי הֲלָכָה אַז מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער, נָאר מִיט אַ בֶּענְדְל זֵיי אוֹיפְוֶועקְן זֵיי זָאלְן מִיט הַאלְטְן; פַּארְקֶערְט, מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן; דִי הֲלָכָה אִיז (שָׁם): "וּמְלַמֵּד תִּינוֹקוֹת הַחוֹבֵט יוֹתֵר מִדַּאי", אַ מְלַמֵּד וָואס שְׁלָאגְט מֶער וִויפִיל עֶר מֶעג, "מַעֲבִירִין אֶותוֹ", מַאכְט מֶען אִים אוֹיס מְלַמֵּד, "וְהוּא עוֹבֵר בְּלֹא תַעֲשֶׂה כִּי מֵאַחַר שֶׁמַּכֶּה שֶׁלֹּא בִּרְשׁוּת הֲרֵי זֶה כְּמַכֶּה אֶחָד מִשְּׁאָר יִשְׂרָאֵל", עֶר אִיז עוֹבֵר אוֹיף אַ לַאו, עֶס אִיז אַזוֹי וִוי עֶר שְׁלָאגְט אַ צְוֵוייטְן אִיד.

דֶער מְצִיאוּת אִיז אַז דִי אַלֶע וָואס שְׁלָאגְן אוּן פַּאטְשְׁן – דָאס קוּמְט פוּן וֵוייניג גֶעדוּלְד אָדֶער פוּן נִישְׁט זַיין אִיבֶּערְגֶעטְרַאכְט צוּלִיבּ אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט. אִין דִי פֶּעלֶער וָואס מֶען דַארְף שׁוֹין יָא גֶעבְּן אַ פֶּעטְשְׁל פַאר אַ קִינְד, וֶוען עֶר פִּירְט זִיךְ מִיט חוּצְפָּה אָדֶער וֶוען עֶר טוּט סַכָּנָה'דִיגֶע זַאכְן, דַארְף דָאס זַיין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶעטְרַאכְט. מִיט גְרוֹיס יִשּׁוּב הַדַּעַת, אָן קַיין פַארְלוֹירְנְקֵייט. וֶוען מֶען שְׁלָאגְט פוּן פַארְלוֹירְנְקֵייט אָדֶער פוּן כַּעַס – אִיז דָאס בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חִינוּךְ; אֲפִילוּ מֶען רֶעדְט זִיךְ אֵיין בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה אַז דָאס אִיז חִינוּךְ, דַארְף מֶען וִויסְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין חִינוּךְ, נָאר דִי כַּעַס אוּן דִי נֶערְוְון רֶעדְן אֵיין דֶעם מֶענְטְשׁ 'יֶעצְט דַארְף מֶען שְׁלָאגְן', 'יֶעצְט דַארְף מֶען פַּרַאסְקֶעוֶענֶען'.

עֶלְטֶערְן אוּן מְלַמְּדִים וָואס וִוילְן מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי קִינְדֶער, מִיט דִי תַּלְמִידִים – דַארְפְן גִיסְן טְרֶערְן טָאג אוּן נַאכְט, זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ, דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן צַדִּיקִים.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַמָאל אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן עֶר הָאט אִים גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט, עֶר הָאט דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: "זֶעסְט? דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם וואוּ זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען אַז זִי זָאל הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת ויקרא תשפ"א)

## חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג
אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב
צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 2-4-2-1
- שמעו ותחי נפשכם -

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספפיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876